בעזהשי"ת

# - אִגֶּרֶת הַשַּׁבָּת -

דער בריוו וואס דער שבת קודש האט געשיקט פאר'ן הייליגן **אבן עזרא** זי"ע

**אֲנִי שַׁבָּת עֲטֶרֶת דָּת יְקָרִים, רְבִיעִית בַּעֲשֶׂרֶת הַדְּבָרִים:**

**איך** (דער) **שבת בין די קרוין פון די טייערע געזעצן, דער פערטער פון די עשרת הדברות:**

**וּבֵין הַשֵּׁם וּבֵין בָּנָיו אֲנִי אוֹת, בְּרִית עוֹלָם לְדוֹר דּוֹרִים:**

**און צווישן השי"ת און זיינע קינדער** (די אידן) **בין איך א צייכן, אן אייביגע בונד אויף אייביגע דורות:**

**וּבִי כָּל מַעֲשָׂיו כִּלָּה אֱלֹהִים, וְכֵן כָּתוּב בְּרֵאשִׁית כָּל סְפָרִים:**

**און אין מיר** (אום שבת) **האט דער אויבערשטער פארענדיגט אלע זיינע ווערק, און אזוי שטייט אין אנפאנג פון אלע ספרים** (ד.מ. סדר בראשית)**:**

**וְלֹא יָרַד אָז מָן, לְמַעַן אֶהְיֶה מוֹפֵת לְהוֹרִים:**

**און קיין מן האט דעמאלט** (אום שבת) **נישט גענידערט, כדי איך זאל זיין א צייכן פאר די עלטערן** (אז שבת נידערט נישט קיין מן, נאר פרייטאג געפינט יעדער מענטש דאפעלט - פאר פרייטאג און אויך פאר שבת, דאס איז א צייכן אז השי"ת האט געהייליגט און געבענטשט דעם שבת)**:**

**אֲנִי עֹנֶג לְחַיִּים עַל הָאֲדָמָה, וּמַרְגּוֹעַ לְעַם שׁוֹכְנֵי קְבָרִים:**

**איך בין א פארגעניגן פאר די לעבעדיגע אויף דער ערד** (מ'איז מקיים עונג שבת)**, און א אפרוה פאר'ן פאלק וואס רוה'ען און די קברים** (ווייל אום שבת רוה'ט דער גיהנם)**:**

**אֲנִי חֶדְוַת זְכָרִים גַּם נְקֵבוֹת, וְשָׂשִׂים בִּי זְקֵנִים עִם נְעָרִים:**

**איך בין דער פרייד פון מענער און אויך פרויען** (ווייל שבת ארבעט קיינער נישט)**, און עס פרייען זיך אין מיר אלטע און יונגע** (ווייל די אלטע געניסן פון עבודת השם, אן די יונגע וועלכע האבן נאך נישט די השגות, געניסן פוןווירקליכן עונג שבת)**:**

**וְלֹא יִתְאַבְּלוּ בִי אֲבֵלִים, וְכִי לֹא יִסְפְּדוּ עַל מוֹת יְשָׁרִים:**

**עס טרויערן נישט אין מיר קיין אבלים** (ווייל שבת פירט זיך נישט אבלות) **און מ'איז נישט מספיד אפילו אויפ'ן טויט פון רעכטפארטיגע:**

**הַשְׁקֵט יִמְצְאוּ עֶבֶד וְאָמָה, וְהַגֵּרִים אֲשֶׁר בִּשְׁעָרִים:**

**א רוה'אינג געפינט דער קנעכט און אויך די דינסט** (אפילו א עבד און א שפחה טארן נישט ארבעטן אום שבת)**, און אויך די וועלכע וואוינען אין די שטעט צווישן אידן טאר א איד זיי נישט לאזן ארבעטן:**

**יַנִיחוּן כָּל בְּהֶמוֹתֵיהֶם בְּיַד אִישׁ, בְּסוּסִים בַּחֲמוֹרִים וּבִשְׁוָרִים:**

**מ'מעג לאזן אלע בהמות ביי דעם מענטש** (דעם פאסטוך)**, סיי די פערד און די אייזלען און די אקסן** (ער מעג ארויס נעמען די בהמות אין פעלד און די בהמות עסן די גראז כאטש זיי רייסן דאס ארויס פון דער ערד אום שבת)**:**

**וְכָל מַשְׂכִּיל בְּיֵינוֹ הוּא יְקַדֵּשׁ, וְגַם יַבְדִּיל חֲשׁוּבִים כִּנְזִירִים:**

**און יעדער פארשענדיגער מאכט קידוש אויף וויין, און אויך הבדלה מאכט ער און ער ווערט באטראכט ווי איינער וואס איז אפגעשיידט פון תענוגי עולם הזה** (כאטש ער טרינקט וויין, וויבאלד אבער אז ער טרינקט נאר וואס עס פאדערט זיך לויט'ן דין - איז ער אפגעשיידט פון תאוות עולם הזה)**:**

**בְּכָל יוֹם יִמְצְאוּ שַׁעֲרֵי תְבוּנָה, בְּיוֹמוֹ נִפְתְּחוּ מֵאָה שְׁעָרִים:**

**יעדן טאג געפינט מען טויערן פון פארשטאנד** (די וואס לערנען תורה פארשטייען לויט זייער שכל) **אבער אום שבת געפינט מען הונדערט מאל אזוי פיל** (ווייל אום שבת עפענען זיך די טויערן פון הבנת התורה)**:**

**מְכַבֵּד מַעֲשׂוֹת דֶּרֶךְ, וְנָכוֹן מְצֹא חֵפֶץ וְדַבֵּר דָּבָר:**

**עס איז גע'עהרט פון טאן אייגענע וועגן** (לויט'ן פסוק וכבדתו מעשות דרכיך) **און רעכטפארטיג פון טאן אייגענע באשעפטיגונגען און נישט רעדן וואכענדיגע זאכן:**

**וּשְׁמַרְתִּיךָ מִכָּל אָשָׁם, לְמַעַן שְׁמַרְתַּנִי מְאֹד מִימֵי נְעוּרִים:**

**און איך וועל דיך היטן פון יעדן שולד, ווייל דו האסט מיך זייער געהיטן פון דיינע יוגענט יאהרן:**

**בְּזִקְנוּתְךָ שְׁגָגָה נִמְצָא בָךְ, אֲשֶׁר הוּבָא אֵלֶיךָ הַסְּפָרִים:**

**אבער אויף דער עלטער געפינט זיך ביי דיר א אומוויליגער שולד, וואס עס איז צו דיר געברענגט געווארן די ביכער:**

**וְשָׁם כָּתוּב לְחַלֵּל יוֹם הַשְּׁבִיעִי, וְאֵיךְ תֶּחֱשֶׁה וְלֹא תִדֹּר נְדָרִים:**

**און דארט שטייט צו מחלל שבת זיין, און וואזוי קענסטו שווייגן און זאלסט נישט א נדר טאן:**

**לְחַבֵּר אִגֶּרֶת דֶּרֶךְ אֱמוּנָה, וּתְשַׁלְּחֶנָּה לְכָל עֲבָרִים:**

**צו פארפאסן א בריוו לויט דער אמת'דיגער אמונה, און זאלסט עס צושיקן איבעראל** (וואו אידן וואוינען)**:**